בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַאֲרְן שַׁבָּת טִישׁ

גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

גליון 4

פַּאטְשְׁן, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם צְוֵוייטְן בַּארְג, רוּפְט עֶר אוֹיס הוֹיךְ:

״וֶוער וִויל קוּמֶען אוֹיף מַיין אַקְסְל אוּן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי שְׁטְרִיק פוּן אֵיין בַּארְג צוּם צְוֵוייטְן?״ אוּן פְּלוּצְלוּנְג זֶעט מֶען אַ קְלֵיין מֵיידְל הוֹיבְּט אָן גֵיין...

״גֵיי נִישְׁט, גֵיי נִישְׁט!״ הָאבְּן אַלֶע אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן... ״סַכָּנַת נְפָשׁוֹת...!״

דִי קְלֵיינֶע מֵיידְל גֵייט, אַלֶע שְׁרֵייעֶן: ״וָואס טוּסְטוּ? וֶועסְט אַרָאפְּפַאלְן!״ זִי קְרִיכְט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם גְרוֹיסְן מֶענְטְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט שְׁטַייטְלִיךְ אַרִיבֶּער אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם, אַלֶע הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן פַאר פְרֵייד אַז דִי קְלֵיין קִינְד אִיז נִישְׁט גֶעפַאלְן.

מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי מֵיידְל: ״וָואס אִיז מִיט דִיר? דוּ הָאסְט נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ גֵיין?״ זִי לַאכְט אוּן זִי פְרֶעגְט: ״מוֹרָא? דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מַיין טַאטֶע, אַז מַיין טַאטֶע נֶעמְט מִיךְ אַרִיבֶּער – וֵוייסְט עֶר וָואס עֶר טוּט, אוֹיף מַיין טַאטֶע׳ס אַקְסְל הָאבּ אִיךְ נִישְׁט מוֹרָא״.

רֶבִּי מֶענְדְל זָאגְט: ״דִי וֶוערְטֶער אִיז מִיר אַרַיין אִין מַיינֶע בֵּיינֶער, אַז אֲפִילוּ אִיךְ בִּין אִין סִיבִּיר – בִּין אִיךְ אוֹיף מַיין טַאטֶע׳ס אַקְסְל, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מַיין טַאטֶע, אַז מַיין טַאטֶע נֶעמְט מִיךְ אַרִיבֶּער – וֵוייסְט עֶר וָואס עֶר טוּט, אוֹיף מַיין טַאטֶע׳ס אַקְסְל הָאבּ אִיךְ נִישְׁט מוֹרָא״.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר גֶעדֶענְקֶען וואוּ מִיר זֶענֶען, אוּן וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז וֵוייסְן מִיר אַז מִיר זֶענֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הֶענְט, מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַאלְן, עֶס קֶען נִישְׁט פַּאסִירְן שְׁלֶעכְטְס מִיט אוּנְז.

לשמיעת הסיפורים [באידיש] בקו ׳קול ברסלב׳
07970-400-66 | להפצה - 054-8480941

## אִינֶעם
## אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הֶענְט

"גֵיי נִישְׁט! גֵיי נִישְׁט!" הָאבְּן אַלֶע אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן... עֶס אִיז סַכָּנַת נְפָשׁוֹת...!

דִי קְלֵיינֶע מֵיידְל גֵייט, אַלֶע שְׁרֵייעֶן: "וָואס טוּסְטוּ? דוּ וֶועסְט אַרָאפְּפַאלְן!"

גֶעוֶוען אִיז דָאס מִיט יָארְן צוּרִיק אִין סִיבִּיר וואוּ מֶען הָאט פַּארְטְרִיבְּן דִי אִידְן אִין גָלוּת סִיבִּיר, דִי קַאמוּנִיסְטְן יִמַּח שְׁמָם הָאבְּן גֶעזוּכְט דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעטוּן פַאר אִידִישְׁקֵייט, גֶעבּוֹיט שְׁטִילֶערְהֵייט שׁוּלְ׳ן אוּן גֶעמַאכְט שְׁטִילֶערְהֵייט חֲדָרִים אוּן גֶעגְרָאבְּן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ שְׁטִילֶערְהֵייט מִקְוָואוֹת, דִי אַלֶע הָאבְּן זֵיי פַּארְטְרִיבְּן אִין סִיבִּיר.

רֶבִּי מֶענְדְל פוּטֶערְפַאס אִיז דָארְט אוֹיךְ פַּארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן, עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַאר דִי תּוֹרָה. נָאךְ לַאנְגֶע יָארְן אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע, אוּן וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "רֶבִּי מֶענְדְל, וִוי אַזוֹי הָאט אִיר זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן? וָואס הָאט אַייךְ גֶעגֶעבְן שְׁטַארְקְקֵייט?" פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: "דִי קְלֵיין מֵיידְל וָואס אִיז




אַרוֹיף אוֹיפְן שְׁטְרִיק, אַרִיבֶּער דִי צְוֵויי בֶּערְג - דָאס הָאט מִיךְ גֶעטְרָאגְן אַלֶע שְׁוֶוערֶע יָארְן", אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט:

דָארְט וואוּ מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעצוֹיגְן אַ שְׁטְרִיק צְוִוישְׁן צְוֵויי בֶּערְג הֶעכֶער אַ גְרוֹיסֶער טָאל, וַיְהִי הַיּוֹם אֵיין טָאג קוּמְט אֵיינֶער אוּן רוּפְט אוֹיס: "וֶוער וִויל זֶען וִוי אִיךְ וֶועל אַרִיבֶּערְשְׁפַּאצִירְן אוֹיפְן שְׁטְרִיק הֶעכֶער דִי טָאל?" עֶר קְרִיכְט אַרוֹיף אוּן גֵייט אַרִיבֶּער דִי שְׁטְרִיק, אַ טֵייל קוּקְן אוּן שְׁרֵייעֶן פַאר שְׁרֶעק, אַ טֵייל קֶענֶען נִישְׁט קוּקְן, זֵיי צִיטֶערְן, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר אַרָאפְּפַאלְן, אַ טֵייל